יודעז, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאַנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT פּרייז 30 גראָשען

(פּולע טאַבעלע פֿון דער מלוכה-לאָטעריע — זעה זייט 4)

היינט 20 זייטען

# נייער פֿאָלקסבלאַט

№ 240 | Łódź, Piątek, 20 października 1933 r. | עלפֿטער יאהרגאַנג | לאָדז, פֿרייטאָג, כ׳ תשרי תרצ״ד | № 240

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פֿון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאַווער 21, טעל. 224-71

## מייד אריס

ווינקעלדיגע און אונפּערצענטוואַרטליכע הענדלער! געדענקט אַז ביליג קויפען אַ גוט פּוטער, דאָס איז אויסשליסליך אַ זאַך פֿון צוטרוי צום פּראָדוקט. דעריבער ווענדט זיך נאָר צו דער באַקאַנטער מיט איהר רעעלקייט פֿירמע

## Tyger i Glatter

פּיעטריקאָווער 43, טעל. 224-77

פּיעטריקאָווער 29, טעל. 213-22

וועלכע ברענגט דירעקט פֿון אַמעריקע, רוסלאַנד, קאַנאַדע און ענגלאַנד. שטענדיג אויף לאַגער אַנרזימער א. יכוואַל פֿון פּוטער פּאַלטענס צו קאָנקורענץ-פּרייזן

## הוי נפלה עטרת ראשנו!

אחרי מחלה כבדה וממשוכה נאסף אל עמיו בעלי אבינו, בנינו, אחינו, גיסינו, דודינו, המצוין במידותיו ונדיב לב

# נ״ע יואל חיים ב״ר דוד נ״י אלטמאן

(מרחוב זאוואדזקא 15) בשנת 41 לימי חייו

הלוי׳ למנוחת עולמים תהי׳ ביום ו׳ עש״ק ל׳ לחודש תשרי תרצ״ד בשעה 11 בבוקר מבית החולים „פּאָזנאַנסקי״ רחוב שטערלינגא 1

השרוים בצער עמוק משפחתו המתאבלת.

5674

פֿילהאַרמאָניע-זאַל נאַרוטאָוויטשא 20

אגודה לזמרה ולספרות עברית „הזמיר״

מאָנטאָג, דעם 23 אָקטאָבער 8.30 אָוונט

## גרויסער קאָנצערט

פֿון סינאַגאָגאַלע מוזיק און פֿאָלקס-לידער

## פֿון ה׳ ישראל אלטער

אויבערקאַנטאָר פֿון האַנאָווער.

בילעטען צום פּרייז פֿון 1,09 ביז 3.90 זל. צו בעקומען אין פֿילהאַרמאָניע-קאַסע

## די בעסטע און שמאַקהאַפֿטסטע מיטאָגען

ווי אויך אָוונטברויטען איז נאָר אין

## באַר אַפּאַטאָווסקי

פּאָלודניאָוואַ 4.

## הזכרה

זונטאָג, דעם 22 אָקטאָבער 1933. 12 אַ זייגער בייטאָג קומט פֿאָר אויפֿ׳ן בית החיים אַ הזכרה און די ענטהילונג פֿון דער מצבה פֿון אונזער אונפֿערגעסליכע

# נ״ע גיטל בערמאַן

אשת ר׳ יחיאל יצחק נ״י

אַלע קרובים, פֿריינד און בעקאַנטע ווערען געבעטען צו קומען.

די טיפֿטרויערנדע פֿאַמיליע.

נאָך נישט אַלע ווייסען, אַז דאָס

## קירזשנער-אַטעליער

## פֿון ה׳ י. שוואַרצמאַן

## 21 פּיעטרקאָווער 21

פֿראָנט 1-ער שטאָק

נעמט אָן אַלעראַרט קירזשנער׳ און שניידער-אַרבייטען פֿון אייגענע און אַנפּערטרויטע סחורות, אויך אַלערלייאַרט קירזשנער-רעפּעראַטורען צו קאָנקורענץ-פּרייזען.

!! רעעלע בעהאַנדלונג פּינקטליכע אויספֿירונג !!

בעמ.: צוליב רעקלאַמע מאַכען מיר די ג׳ קונדשאַפֿט אַ הנחה אויף 2 מאָנאַטען, צו יעדען דאַמען פֿוטער-פּאַלטאָ געבען מיר צו אַ מופֿע פֿולשטענדיג אומזיסט.

קומט און איבערצייגט זיך!

## וואַריעטע-דאַנציג „טאַבאַרין״ פּרעמיערע

נאַרוטאָוויטשא

דאָס שענסטע, באַקוועמסטע און ביליגסטע פֿערוויילונגס-לאָקאַל אין לאָדז!

היינט, פֿרייטאָג און מאָרגן, שבת 3 פֿאָרשטעלונגען 8 ביז 11 טענץ 1) פֿון 5 נאָכמ. ביז 8. 2) 8 ביז 11. 3) פֿון 11 ביז ...

## אַ „אָוונט פֿון איבעראַשונגען״!

דער גרויסער רעקאָרד-פּראָגראַם

מיט אַנטייל



2 אַקאַניס-וואַלקאַוו — עקסצענטריש.

4 ווירלענדאָווסקיס — אַקראָבאַטיק.

1 ספּאַרי לעאַ—קאָנפֿערענסיער און געזאַנג.

5 קאַמינסקאַיאַ — כאַראַקטער-טענץ.

1 בילע אַמטאַמי — אַקראָבאַטיק-טענץ.

1 בייאַן—הומאָריסט. 1 קראַשענסקאַ—סובּרעטין.

1 אַרסקי—בוף-קאָמיקער. 1 וואַלעווסקי—טאַנדיסט

טענץ אויף 2 פּאַרקעטען.

אַ דאָפּעלטער אָרקעסטער. — איינטריט פֿריי.

קאָנסומציע 1.50 זל.

קאָלאַציע מיט וויין 3 זלאָטעס.

## די בעוואוסטע ארץ-ישראל-

## כאַלוועלתא״י (הגרס און דעמייל)

געשמאַק, נאַהרהאַפֿט און גוט

שוין צו בעקומען

אין „תוצרת ארץ-ישראל״

ארץ-ישראל-געוועלב

שרודמיעסקאַ 3.

אויך צו בעקומען עקאַלעפֿטום-צוקערלעך — אויף אַ הוסט

5664

## דעם טיפֿסטען מיטגעפֿיהל דריקען מיר אויס אונזערע חשוב׳ע

פֿריינד שמואל פּרעצעל און פֿרוי

צוליב׳ן פֿריהצייטיגען טויט פֿון זייער אונפֿערגעסליך טעכטערל

# שפּרינצע נ״ע

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

בערל איזביצקי, יעקב יוסף מאַשקאָוויטש

יודעל עדעלמאַן, אַברהם פֿאָמעראַנץ

עזור שווימער, יאַשקע גאָלדבאַנד

יהודה מאיר דאַווידאָוויטש, כתריאל ווינטער

יאַכימאָוויטש, לוי קראַקאָוו

שלמה קאַהאַנע, מאַניש ווילטשיק.

5721

## דאָס לאַנגיעריגע בעקאַנטע און רעעלע

## טוך און קאָרט-געשעפֿט

# Herman WŁOSKI

(עקזיסטירט פֿון 1910)

## לאָדז, נאַוואָמיעסקאַ 3, טעל. 114-92

פֿראָנט 2-טער שטאָק

בעזיצט אויף לאַגער צום הערבסט און ווינטער-סעזאָן

דעם גרעסטען און שענסטען אויסוואַהל פֿון די

## ביליגסטע הערען און דאַמען-שטאָפֿען

אין זעמטליכע פֿאַרבען און מוסטערען פֿון ענגלישע, ביליצער, טאָמאַשאָווער סחורות א.א. געניע פֿאַבריק-פּרייזן!

געדענקט די אַדרעס! קומט און איבערצייגט אייך!

3 3 3 3

## דונעק שמיד (הייען)

## סאַלקאַ בעסלער (סטאַניסלאַוואָו)

פֿערלאָבט.

צו דער פֿערלאָבונג פֿון מיין חשוב׳ן פֿריינד

## דונעק שמיד (ווייען)

מיט פֿרל.

## סאַלקאַ בעסלער

ווינשט אַ הערצליכען מזל-טוב

## אלי באַרוכין.

אונזער ב׳ פֿערוואַלטונגס-מיטגליד ה׳ גאַנצווייג

צוליב דעם פֿריהצייטיגען טויט פֿון זיין טעכטערל

# שרה

דריקען מיר אויס אונזער ערנסטען מיטגעפֿיהל.

המקום ינחם אתכם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.

די פֿערוואַלטונג פֿון

## „בית יתומים״

זגערזשער 40.

5722

# פּיניעלע מזיק

## גיט לשון



ואָס אַזוי גיזיבט זיין ווי מ'קען צעפּלאַצט ווערן פון גילאַכטער. אַ טריאַטער מיט די קילער־לאַט. האָבען שוין נישט מער צו זאָרגן. אַלויס גיין אַבן זיי שוין, נאָר אַ רוף עלן די באַליטער אַז מעמער שוין האָבן אַ רוף, עלן די באַליטער גודן האָבען שאַבּיס צו מאכן?

הערך נאָר, יאַטן, ענק איז אַ גרויסע אַפּקע־רינע, ווער סעט זאָן דער מאַכער אין שאַכט־האָזן: די קילער־לאַט צו די שאָכטים?

זיצן זיי, די יאַלן, טאָג און נאַכט און האַקן אַ לשייגעק: שכינע אַהין און שכינע אַהער, מ'זאָל דוס הערן כאָדושביק איין צייכעלדיג וואָרט. זוגט רעב לייבל שכיטע, ענטפערט ר' לייביש: ס'איז נייש ווערט קאַ פריטע. זאָגט ר' העניך: נאָר אַ ראָף, ענטפערט ר' מארדכע כאַיעס — בלאָף, זאָן אַזוי גיזיבט זאָן, ווי ס'זאָלט גיפּאַסט פאַר אינזערע אַטליעה פון שמולן גועסל!

וואָלטן זיי, די קילער־לאַט, בעסער אַ טראַכט גיטין וועגן אביסל קוילן פאַר די עוויוניגים, זיי זאָלען וויטער נייש געשוואָלן און גידראָלן ווערן פין קעלט — דוס פאַלט זיי נייש אַן, נאָר רוף און שאָכטים — א וואזשנע קילע — כ'זאָל נישט זיב־דיגן מיט די רייד.

——§§§|§§——

## ביים פריזיער

פרישער גאַסט (צום פריזיער): טוט איהר כאָטש גוט ראַזירען?

פריזיער: וואָס רעט איהר? איהר זעהט דעם גאַסט אויפ'ן צווייטען שטוהל. ער האָט זיך גאָכ'ן ראַזירען באַלד געהייסען נאָך אַמאָל ראַזירען — אַזוי צופרידען איז ער געווען.

---

## ס'קאָן נאָך זיין א „פּשעטשאַנג“

### דער יוד און דער רוסישער צאַר

ווען רוסלאַנד האָט אָנגעזאָגט יאַפּאַן קריג איז ניקאָליי דער 2־טער אוועק צום רעגימענט פון פּיאַטער דעם גרויסען און געבעטען:

— טייערער פּיאַטער! דו האָסט אַמאָל אַדורכ־געבראַכען אַ פענסטער צו מעריב, העלף מיר איצט אַדורכשלאָגען א פענסטער צו מזרח.

אַ יוד, וואָס איז גראַד געשטאַנען דערנעבען און זיך צוגעהערט דאָס געבעט, האָט זיך געווענדעט צום צאַר:

— זאָל אייער קייזערליכע הויכקייט נאָר זיין פאָרזיכטיג, ווייל ס'קאָן זיין אַ פּשעטשאַנג.

---

# מאָדערנע מאַלפּעס

## איז א לייפּציגער פוטער־געשעפט

אין אַ לייפּציגער פוטער־געשעפט איז אין אַ שויפענסטער אַרויסגעהאַנגען אַ שילדעל מיט אַן אויפשריפט:

„מאָדערנע מאַלפּעס“.

נעבען דער אויפשריפט געפונען זיך די בילדער פון אַדאָלף היטלער, געבעלס, גערינג און פראַנק.

---

# נייע קללות

## צוגעשיקט פון א לעזערין

היטלעריסטען אין דייטשלאַנד שעלט מען: זאָלסט מיר האָבען אַ יודישע באָבע.

אין קאָוונע שעלט מען זיך:

זאָלסט האָבען 3 משרתים: איינער זאָל לויפען נאָך דאָקטוירים, דער צווייטער זאָל לויפען אין דער אַפּטייק אַריין נאָך מעדיצינען, און דער דריטער זאָל לויפען זאָגען — מ'דאַרף שוין נישט.

---

# ערב פּליטה

## צוויי שותּפים ביי דער פאַרטפעל־בדיקה

— נו, און וואָס איז מיט באָרנשטיינס פראַ־טעסט — האָסט איהם כאָטש עפּעס געגעבען.

— אוודאי האָב איך איהם געגעבען.

— וואָס?

— אַב'עהרען־וואָרט, אַז איך קאָן נישט באַ־צאָהלען.

---

## די זעלבע „ה“

### אויב הינדענבורג וועט שטאַרבען

אויב דער פּרעזידענט הינדענבורג וועט שטאַרבען, וואָלט איהם על פּי יושר היטלער געדאַרפט ירשענ'ען.

— פאַרוואָס?

— ווייל מ'זאָלט אַפילו די וועש נישט געדאַרפט טוישען. אויף די וועש זאָלט געקענט בלייבען דיזעלבע ליטערע „ה“.

## אין פינאַנץ־מיניסטעריום

### נעשפרעך מיט א וואזשני

— קאָן מען אַריין צום פינאַנץ־מיניסטער.

— נישט מעגליך, דער מיניסטער איז שטאַרק פאַרנומען.

— מיט וואָס?

— זייער עטליכע טעג פאַרשטופּט ער מיט דער פּאַזטישקע דאָס לאָך פון דעפיציט.

## ביים עקזאַמען

### אין שניידער־צעך

ביים עקזאַמינירען געזעלען, פרעגט דער עקזאַמינאַטאָר אַ לעהרייונגעל, וואָס ער קאָן שוין אין שנייד'עריי, דערויף ענטפערט דאָס יונגעל:

— דעם גרעסטען טייל, קאָן איך שוין.

— וואָס קענסטו שוין?

— ריימען, אויסקעהרען, אַ אַפּטראָגען ס'מיסט. נאָכטראָגען די מייסטערין דעם קויבער, געהען פאַר די געזעלען נאָך פּאַפּיראָסען, וויגען ס'קינד און פּלירטעווען מיט דער קעכין.

## א פּאַמניק

### פאַר'ן אונבעקאַנטען וועקסעל־צאָהלער

צוויי לאָדזער סוחרים שטעהען און קוקען זיך צו, ווי מ'לעגט א פונדאַמענט פון אַ נייעם בנין.

— וואָס געהט מען דאָ בויען, פרעגט איינער דעם צווייטען.

— דאָ געהט מען מסתּמא בויען אַ פּאַמניק פאַר'ן אונבעקאַנטען וועקסעל־צאָהלער — האָט דער צווייטער געענטפערט.

---

## גאַנדהי גיט זיך אַנ'עצה

ווי מ'שמועסט, האָט גאַנדהי אָפּגעלעגט דעם תענית אויף ווינטער, ווייל דאַמאָלס זענען די טעג קירצער.

## קאַפּעלושען אויף די אויערען

### די לעצטע פרויען־מאָדע

פרוי (צום מאַן): גיב מיר אַ פּאַר זלאָ, עס ב'דאַרף קויפען צוויי העבסט־קאַפּעלושלעך.

מאַן: צו וואָס דאַרפסטו אויף איינמאָל צוויי קאַפּעלושען?

פרוי: איינס אויפ'ן רעכטען אויער, און איינס אויפ'ן לינקען אויער.

## א מאַגען־ליידענדער

### אין דער שענק

דו העסט, זרח, נישט גוט, מ'ווערט עלטער. דער מאַגען פערדייעט שוין נישט; אַמאָל האָב איך געקענט אויפעסען אַ גאַנז מיט איין שניף, היינט אַז איך עס אויף אַ האַלב גענזעל, מוז איך נאָכ־עסען אַ פּאַרציע וועמפּלעך, אַז נישט וואָלט איך די גאַנז נישט פערדייעט.

## נישטא יענע גוטע צייטען

### דאגות פון אַנ'אָפּגעקומענע גבירטע

אין מענדעל מאַהנקיכעל'ס וואָהנונג קומט זעהר אָפט פאַר אַ מלחמה, און עס פליהען טעלער, גלעזער, און אַנדערע קוכען־געשיר אין דער לופטען, בעת דער לעצטער מלחמה, האָט דאָס ווייב שווער געזיפצט:

— אַך, מענדעל, וואו זענען יענע גוטע צייטען, ווען מיר האָבען זיך געוואָרפען מיט די טייערסטע פּאָרצעלאַנען און עכטע קריסטאַלען...

## וועגען ספּאָרט

### זוהן און פאַטער

זוהן: נו, אויב דיר געפעלט נישט פוסבאָל און נישט טעניס, טאַ וואָסער ספּאָרט געפעלט דיר יאָ?

פאַטער: עק—ספּאָרט.

—:o:—

# דער קונדס

● הומאָר ● סאַטירע

● צוזאַמענגעשטעלט פון אב—נעק

בייל‍אַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט“ נומער 240 | פרייטאָג, דעם 20 אָקטאָבער 1933

# דער סימבאָל פון דער „העררליכער צוקונפט“



צו וועלכער עס פיהרט דייטשלאַנד

דער „פיהרער“ פון האַקענקרייץ

